און אפשר מיינט איהר, אז זיי וועלען דאָרט ראָטהען וועגען דעם ?— אָבער עס הויבט זיך ניט אָן ; עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אז לא יזכר ולא יפקד פון אזעלכע זאכען, וואָס האָבען מיט דעם געוועהנליכען טאגעס־אָרדנונג קיין שייכות ניט.

עלענדע אקטאָרען, צו ווייסט איהר ניט, אַז איהר שפּיעלט אויף א וואולקאן ? !

# מיר ווערען שיעסער.

I.

מיר זענען ארעם און פערשוואַרצט,
און נישט ווי איהר בעטייסטערט ;
דערפאר בעוואוסט, דערפאר בעהארצט,
און מעהר פון אייך בעגייסטערט.

מיר האבען מוטה, מיר האבען קראפט,
און ענערגיע צום שטרעבען,
מיר האבען אלץ וואס ווירקט און שאפט,
און וועקט צום לוסט און לעבען.

II.

פיר אייך די וועלט — זי ניצט נישט מעהר:
איהר האט צו פיעל גענאסען —
עס שטעהן איירע ביקסען לעהר,
די קוילען אויסגעשאסען....

דאך אונזערע ביקסען זענען שווער.
און פול — איהר זאלט עס וויסען!
ווען איהר וועט לענען דאס געוועהר,
דאן וועלען מיר ערשט שיעסען...

מ. ר.

# די קאווקאזער יודען און די יודען איבערהויפּט.

די קאווקאזער יודען זענען נאָך עד היום א מין רעטעניש ניט נור פאַר׳ן גרויסען עולם, נור אויך פאר די געלעהרטע, וואָס אינטערעסירען זיך מיט די פערשיעדענע מענשליכע ראַסען און פעלקער. די קאווקאזער יודען האָבען זייערע בעזונדערע ספעציעלע אייגענשאַפטען, וועלכע אונטערשיידען זיי פון אלע אַנדערע סעמיטישע פעלקער און אין דעם צאָהל אויך פון די אַנדערע יודען. זייער גאַנץ אויסזעהען, זייער גאַנץ לעבען, זייער גאַנץ האַלטונג זענען גאַנץ פערשיעדען פון אלע אַנדערע. זיך צו צוקוקען געהנטער צו די קאווקאזער יודען איז דערפאַר זעהר אינטערעסאַנט. די געלעגענהייט דערצו האָבען מיר איצט.

דער רוסישער פּראָפעסאָר ר. וויינבערג האָט אין א דייטשען וויסענשאַפטליכען זשורנאַל פאַר די אויספאָרשונג פון יודענטהום אָבגעדרוקט זעהר אַן׳אינטערעסאַנטען ארטיקעל וועגען זיי, פון וועלכען מיר נעהמען ארויס פאָלגענדע פאַקטען.

לויט דער אויספאָרשונג וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין יאָהר 1902—1904 שטעלט זיך ארויס אַז אין קאווקאַז געפינען זיך 34,343 יודען, פון וועלכע 19,394 זענען מענער און 15,949 פרויען. דאס הייסט אויף יעדע הונדערט פרויען זיינען פאַראַן 129 מענער, גראַדע פערקעהרט ווי ביי די אַנדערע יודען, ביי וועלכע די צאָהל פרויען איז פיעל גרעסער איירער די צאָהל מענער.

# פעליעטאָן.

## א חלום

העגריק שענקעוויטש.

איינמאָל, אין א געזעלשאַפט, האָט מען דערצעהלט פון פיעל וואונדערליכע זאכען, פון פאָרגעפיהלען, פון זעהן פערשטאָרבענע פערזאָנען און פון דעסט גלייכען זאכען, וועלכע אינטערעסירען יעצט וואָס אַמאָל מעהר די געדאַנקען.

דאָרט איז אויך געוועזען דער הויז־דאָקטאָר, שפּיעלענדיג א ראָלע פון אמת׳ס וועגען אלס סקעפּטיקער (צווייפלער), אין ענדע פון געשפּרעך האָט איינע פון די דאַמען געווענדעט זיך צו איהם מיט א פראַגע: צו עס האָט איהם אויך שוין פּאַסירט אין לעבען א זעלכעס, וועלכעס ער זאָל זיך נישט קענען ערקלעהרען?

— איך האָב געהאַט אין מיינע יונגע יאָהרען — האָט דער דאָקטאָר ערצעהלט — א חלום, אָדער בעסער אַ רייהע פון חלומות, אזוי אונגעוועהנליכע אז אין בעטרעף פון וואונדער געהן די איבער אַלע, וואָס איך האָב ערשט געהערט און אויף אַלגעמיינעם פערלאַנג קאַן איך זיי ערצעהלען.

דער אלגעמיינער פערלאַנג האָט באַלד געפאָלגט, אַלזאָ דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבען צו ערצעהלען וואָס פאָלגענדעס:

— אַ יאָהר צוואָנציג צוריק האָב איך געוויילט אין ביאַרריטץ אום זיך אין מעער צו באָדען. צונלייך האָב איך זיך געליעבט אין איין געוויסע ענגלענדערין, וועלכע האָט צום באָדען בעניצט א געשטיקטען קאָסטום אין אַפּיש־שאַל. געווען איז דאָס א גרעסערע אָריגינעלע פריילין פול מיט וואונדערליכע געדאַנקען. איינמאָל האָט זי מיך פערהאַלטען אויך אַנדערע פון איהרע פערעהרער ביז א זייגער דריי ביי נאַכט אויף דעם שיפעל. מיר האָבען געקוקט אויף די שטערן און מען האָט גערעדט וועגען דעם וואַהרשיינליכען שפּאַציער פון די נשמות, פון איין פלאַנעט צום צווייטען. איך האָב אַהיים געקעהרט זעהר ערמיעדעט און איך בין איינגעשלאָפען אויף דעם פאָטעל, ביים לעזען פון עפּעס א בריעף, וועלכען איך האָב געפינען אויף דעם שרייבטיש. קוים וואָס איך האָב נאָר די אויגען צוגעמאַכט האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז אין עפּעס א גרויסע שטאָדט געה איך ארויס פון א פרעמד הויז און איך זעה פאַר׳ן טויער שטעהן א לייכענוואַגען. פאַר די שטיבענזיצער וועל איך ערקלעהרען, אז אין אויסלאַנד פיהרט מען נישט קיין מענשען אין אזוי א מין פּיראַמידע, ווי ביי אונז. די דאָרטיגע לייכענוואַגענס, האָבען א גלעזערנע פאָרם פון די זייטען, אויסגעצויגענע קאָרעטען, מיט טהירעליך פון הינטען דורך וועלכע מען ריקט אריין די טרונע אין דערמיט. אזעלכע אייגענטליך האָב איך דערזעהן אין חלום. אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג. ביים לייכענוואַגען איז געשטאַנען א יונגעל, מעגליך פון א יאָהר פינפצעהן, אָנגעטהון אין א שוואַרץ רעקיל מיט שנירלעך בעזעצט און מיט א רייהע פון קליינע מעטאַל קנעפּליך אין די לענג פון די שנירלעך. דערזעהענדיג מיך, האָט ער אויפגעמאַכט די טהירעלעך פון לייכענוואָגען און נייגענדיג זיך, האָט ער מיר געגעבען א העפליכען צייכען מיט דער האַנד, אום איך זאָל אַריינגעהן, אָדער זיך אריינריקען אין דער מיט.

אָבוואָהל אין חלום ווייזען זיך אויס פערשיעדענע אונגעוועהנליכע זאַכען אלס געוועהנליכע, איך דערמאָן זיך, אז איך האָב מיך אזוי שטאַרק דערשראָקען אז דיך אזוי פעסט צוריקגעצויגען, אז דער קאָפּ מיינער האָט זיך א ועך געגעבען אין אנלעהן פון פאָטעל. נאַטירליך האָב איך ערוואַכט.

אין צווייטען טאָג האָב איך פערגעסען וועגען חלום ביי מיין ענגלענדערין אָבער די דריטע נאַכט האָט ער זיך ווידערהאָלט מיט א וואונדערליכע עהנליכקייט. דערנאָך האָט ער זיך ווידערהאָלט ניט רעגולער, אין יעדע דריי אָדער פיער טעג. אם ענדע האָב איך מיך אָנגעהויבען מיט דעם פּייניגען. וואָס איז געווען וואונדערליך, דאָס אייגענטליך יענע עהנליכקייט פון הויז, פון לייכענוואַגען, איבער אַלעם די קליידער און דאס געזיכט פון דעם יונגעל, וועלכער האָט אייבּיג מיט א גלייכע העפליכקייט פערבעטען מיך צו זיך.

איך האָב פאָלקאָם פערגעסען זיין רעקיל, די שנירלעך, די קליינע מעטאַל קנעפּליך, ענדליך זיינע העלע האָר און די גרויע אויגען, וויט איינגעפאַסט פון זיך, אביסעל צו פיש־אויגען עהנליך.

איבערהויפּט, וועט איהר צוגעבען מיינע הערשאַפט, אז בנוגע צו אַזאַ האַרטנעקיגען ווידערהאָלען זיך פון אַזאַ חלום, איז געווען מיט וואָס זיך צו בּעאונרוהיגען.

נאָך איינינע וואָכען בין איך ארויסגעפאָהרען נאָך פּאַריז און איך האָב מיך אָבגעשטעלט אין דעם זעלבען האָטעל וואָס מיין ענגלענדערין. מיר זענען געקומען צו פאָהרען אָבענד, פיעל ווייניג אין מיטאַגס־שטונדע, אין אַזאַ געגענד גרויסע קאָמפּאַניע פון בעקאַנטע. איך האָב מיך איבערגעטהון איילענדיג און נאָכהער בין איך



# Do Ameryki i Kanady!

przeprawia najtaniej i najlepiej pospiesznymi i pocztowymi, wprost bez żadnego przesiadania z okrętu na okręt:

Generalny agent

**M. G. Freudberg,** ANTWERPIA 10. Van Leriusstraat (Belgia)

Odjazd do **Nowego Yorku** co sobotę; do **Kanady** co 10 dni. Wikt najlepszy, usługa staranna.

Niechaj nikt pierwej nie jedzie za morze, zanim od tej Agencyi nie otrzyma wyjaśnień i cennika, który wysyła się chętnie i darmo.





# די ביליגסטע בעצוגסקוועללע

אין י טען איהרען, גאָלד און זילבער, ביזשזטערי, אוהרען־בעשטאנד־טילע און וועק־קציינע, ווי אייך מוזיק־אינסטרומענטע איזט ביי

**IGNATZ CYPRES, Krakau.**

**FLORYANERGASSE 49.**

איינע ניקעלטאַשענאוהר מיט 36 שטיק פרימא וורקע מיט אויפ־שריפט .סיסטעם ראָסקאָפף׳ מיט דרייאיעהריגער גאַראַנטיע זאמט שענער ניקעלקעטע און לעֶדערבייטעל פֿל. 1.95.

ביי אבנאהמע פֿון דריי שטיק פֿל. 5.50, זעכס שטיק פֿל. —.10.

רייך איללוסטרירטער פרייז־קוראַנט מיט 800 אבבילדונגען גראַטיס און פֿראַנקאָ.

אגענטען ווערדען געזוכט!



**Darmo i opłatnie** otrzyma każdy mój bogato



illustrowany cennik

**Instrumentów muzycznych**

**oraz różnych zabawek**

# A. Scheuer, Kraków

**ulica Grodzka L. 59/6.**



## גענאָסען! העלפֿט די טלית מאכער אין קאָלאָמעא.

פֿון קאלאמעא בעקומען מיר דעם פֿאָלגענדען אויפֿרוף!

נ ע נ א ס ע ן! מיר האבען אייך מיט אונזער עלענד בעקאנטגעמאכט און מיר האבען אייך איינען טהייל פֿון אונזערע צרות געשילדערט, מיר בעטין אייך נאָך איין מאהל, זאל אייך אונזערע לאגע אינטערעסירען; פֿעראָנשטאלטעט איבעראל זאמלונגען און העלפֿט אונז אין אונזער נאטה.

געלדער זינד צו זענדען אַן אררעסע:

Jozef Oster Kolomea Bezirkskrankenkasse



## די אידישע ארבייטער ביבליאָטעק

פֿון

דער פוילישער סאָציאַליסטישער פארטיי.

| | |
|---|---|
| גן־עדן התחתון. פרייז: | 2 העלער. |
| ק א ו ט ס ק י. די אונאַבהענגיקייט פֿון פוילען. פרייז: | 10 „ |
| פֿ י י ג ע נ ב ו י ם. ווי קומט א יוד צו סאָצ.? פרייז: | 20 „ |
| א. ו ו ר א נ ס ק י. די אידען אין פוילען. פרייז: | 10 „ |
| ש. ד י ק ש ט י י ן. פֿון וואָס איינער לעבט. פרייז: | 20 „ |
| ו ו אָ ס יעדער אַרבייטער דאַרף וויסען און געדענקען. | 30 „ |
| ל י ע ב ק נ ע כ ט. די וואַהרהייט איבער דעם סאָצ. | 30 „ |
| די ארבייטער רעוואָלוציאָן. פרייז: | 15 „ |
| א. ד ע מ ב ס ק י. סטאַניסלאַוו קוניצקי. פרייז: | 10 „ |
| ם. מ י כ ל ז אָ ה ן. הערשעל דער שניידער. פרייז: | 10 „ |
| ל א ט אַ ר נ י ק. יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי. פרייז: | 10 „ |
| שפיאָן. פרייז: | 15 „ |
| ל א ט אַ ר נ י ק. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. | 20 „ |
| ב. א. י. ל ו ר ו ו י ג ו ו אַ ר י נ ס ק י. פרייז: | 20 „ |
| א מ ע ר י ק א נ ע ר. פיל יפינא פלאַסקאָוויצקאַ. פרייז: | 10 „ |
| אַרבייטער גערדיכטע. פרייז: | 30 „ |
| ב. א. י. אוגוסט בלאַצקי: פרייז: | 10 „ |
| אַ קלאָרער ענטפֿער (ביילאגע צום 8־טען נומער „ארבייטער״). פרייז: | 15 „ |
| די אַרבייטער סאָלידאַריטעט און דער קאמפף אום דאַזיין. פרייז: | 10 „ |
| פֿערדינאַנד לאַסאַל. פרייז: | 15 „ |
| ם. מ י כ ל ז אָ ה ן. טאַרעאוש קאָשציושקאָ. פרייז | 20 „ |
| ב. פֿייגענבוים. דער רעכטער וועג. א ויכוח וועגען די פוילישע סאָציאַליסטיש פארטיי און איהרע פֿאָדערונגען, אין צוויי טהיילען. פרייז: | 80 „ |

די אלע בראשורען ווי אויך אלע פוילישע אויסנאַבען פֿון פּ. פּ. ס. זיינען צו בעקומען אין דער אַדמיניסטראַציאָן פֿון „פשעדשוויט״ Kraków, Grodzka 50.



# Ostrzeżenie!

**przed bezwartościowemi naśladownictwami!**

# KUNEROL

z poręczen. najczyściejszy tłuszcz roślinny z orzechów kokosowych zawierający 100% tłuszczu. — Żądać „**KUNEROLU**“ w każdym lepszym handlu spożywczym. Do miejscowości, gdzie niema „**KUNEROLU**“ wysyłamy na próbę około 5 kilogr. brutto po cenie Kor. 6·50 opłatnie do każdej stacyi poczt austr. węg. za zaliczką. — Dla hurtowników specyalne ceny. Broszurki i świadectwa lekarzy darmo.

**Najstarsza i największa fabryka tłuszczu roślinnego w monarchii**

**Emanuel Khuner & Sohn**

Wien, XIV/2.

